**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/28/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## סטעיטמענט פון גאווערנער קעטי האקול איבער צווייטע סירקוט געריכט אורטייל צו אויפהייבן באגרעניצונגען אויף געזעלשאפטליכע גלייכקייט קאנאביס געשעפטן

"ניו יארק'ס גענצליך נייע קאנאביס אינדוסטריע מאכט באדייטנדע פארשריט צו שטופן פאר געזעלשאפטליכע גלייכקייט און צו פאררעכטן די אומרעכטן פון די פארגאנגענהייט, אויפבויענדיג די יושר'דיגסטע און זיכערסטע מארקעט אינעם לאנד. עס דערפריידט מיך אז א פעדעראלע אפעלאט געריכט האט באגרעניצט א פריערדיגע 'אינדזשאַנקשען' באפעל פאר די זייט פון ניו יארק סטעיט אין די פאל פון *Variscite NY One, Inc. v. Office of Cannabis Management, et al.* די אורטייל וועט ערלויבן ניו יארק'ס געזעלשאפטליכע גלייכקייט ביזנעסלייט צו עפענען זיכערע, רעגולירטע קאנאביס געשעפטן אין צענטראל ניו יארק, מערב ניו יארק, די מיד-האדסאן ראיאן און אין ברוקלין. צום ערשטן מאל וועלן ניו יארקער אין כמעט יעדע ראיאן פון די סטעיט האבן צוטריט צו זיכערע ערוואקסענע-באנוץ קאנאביס פראדוקטן פון א הויכע קוואליטעט. איך בין אנטשלאסן צו זיכער מאכן אז ניו יארק זעצט פאר צו שטיין אין שפיץ פונעם לאנד אין אונזער זיכערע און גלייכע צוגאנג צו די קאנאביס מארקעט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן